


פרשת כי תשא

י"ח אדר א' תשפ"ב

יאר 2 גליון 42

# א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א

הערט אויס די שיעור 212-444-9169 דערנאך דריקט 2,3,3,21

1) פארוואס הייבט דער ראש ישיבה אן יעדע שיעור מיט די ווערטער 'געלויבט דער הייליגער באשעפער'?

2) פאר 18 יאר צוריק האט דער ראש ישיבה ..........

3) איינער וואס איז טאלאנטפול דארף זייער אכטונג געבן .......

4) ........... איז זייער א וויכטיגע און געזונטע זאך

5) וועלכע מעשה האט דער ראש ישיבה דערציילט די וואך אין חדר?

6) וועלכע תלמידים פון ר' פנחס בן יאיר האבן געקענט ארייגגיין אין די וואסער?

7) דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען טאר נישט נעמען א שיעור און צו ווערן ........... פון דעם, נאר אנהויבן ..........



8) וואס איז די עצה אויב איינער האט מורא פון שווימען?

9) דער הייליגער רבי' האט געזאגט אז תהלים איז אזויווי א.........

10) שרייב א גוטע נקודה וואס דו לערנסט זיך פון די שיעור.

## מזל טוב!

די עלטסטע קלאס אין שטעטל וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר זייער לערערין מרת בוים צו איר נייע מיידל בעיבי!

מזל טוב גאלדי און פייגי בוים צו זייער נייע שוועסטער!

## נייעס אין בית פיגא

די וואך איז געווען א פרייליכע פורים קטן פראגראם אין וויליאמסבורג און אין שטעטל סקול! אין וויליאמסבורג האבן די לערערינס געטוישט קלאסן. די מיידלעך זענען געזיצן אין קלאס און געווארט אז די טיטשער זאל אריינקומען, און ס'איז אריינגעקומען א אנדערע טיטשער! דערנאך האט מען נאכאמאל געטוישט, אזוי אז יעדע קלאס האט געהאט די געלעגנהייט צו האבן יעדע טיטשער פון בית פיגא.

אין שטעטל האבן די מיידלעך זיך פארשטעלט שיין פאר אחשורוש, יעדער האט געוואלט זיין די נייע מלכה. אויך איז געווען איין מיידל וואס זי איז געווען א פארשטעלטע אחשורוש און זי האט אויסגעוועלט א אסתר המלכה. דערנאך האט יעדע מיידל צאמגעשטעלט א פורים'דיגע פנים געמאכט פון גוטע נאש!

# מעשיות פון תפילה

### הינדא ריקל'ע כהן

אין סקול האבן אונז געדארף מאכן באשרייבונג אויף א בוך וואס אונז האבן געליינט. ס'איז מיך געווען אביסל שווער, איך האב האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס שוין מאכן און ס'זאל אויסקומען זייער שיין, שכח אייבערשטער איך האב עס געקענט מאכן און ס'איז געווען זייער גרינג!



**עלטסטע קלאס**
קרית ברסלב

### גאלדי בוים

מיין קאפ האט זייער שטארק וויי געטון. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל אויפהערן און שכח אייבערשטער איך פיל שוין גוט!



**פיפטע קלאס**
קרית ברסלב

### חי' לאה זינגער

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל זיין פרייליך, און ש'כח אייבערשטער אז איך בין אזוי פרייליך!



**ערשטע קלאס**
קרית ברסלב

### חני פורסט

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט די אייבערשטער אונז זאלן שוין מופן צו אונזער נייע הויז און שכח אייבערשטער די וואך האבן אונז געמופט



**פרי-1-עי**
קרית ברסלב

### אדי קרויס

מיר האבן געלערנט רעכענען, און עס איז מיר געווען אביסל שווער אין אנפאנג עס צו פארשטיין. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל מיר נישט זיין שווער. שכח אייבערשטער אז יעצט קען איך עס שוין זייער גוט!



**ערשטע קלאס**
וויליאמסבורג



### לאהלע יאקאבאוויטש

מיין מאמע איז געפארן צו שטעטל און איך האב זייער שטארק געוואלט מיטגיין, האב איך געבעטן די אייבערשטער אז מיין מאמע זאל מסכים זיין. שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטגיין!

**צווייטע קלאס**
וויליאמסבורג

### פייגי אינדיג

לעצטע וואך איז געווען ראש חודש. איך האב זייער שטארק געוואלט געדענקען צו אנטון א ווייסע בלאז. האב איך געבעטן דא אייבערשטער אז איך זאל נישט פארגעסן און שכח אייבערשטער איך האב געדענקט!

**דריטע קלאס**
וויליאמסבורג



### לאהלע שווארץ

מיין קליינע ברודער האט זייער שטארק געוויינט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ער זאל זיך שנעל בארואיגן. שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט איז ער איינגעשלאפן!



**פיפטע קלאס**
וויליאמסבורג

# א מעשה פון א צדיק

אן אינטערעסאנטע מעשה האט אמאל פאסירט ביי מוהרא"ש:

מוהרא"ש פלעגט באקומען פון צייט צו צייט בריוו פון ענגלאנד. א אידל פון ענגלאנד פלעגט כסדר שיקן בריוו מיט געלט פאר מוהרא"ש. ווען עס פלעגט אנקומען, האט מען באמערקט אן אינטערעסאנטע זאך. די קאנווערט איז געווען אביסל אפן, און די געלט האט געפעלט. נאכדעם וואס ס'האט זיך איבערגע'חזר'ט מער ווי איין מאל, האט מען עס נאכגעגאנגען און ס'האט זיך די מערסטע געלייגט אויפן שכל אז די שליח'ס האנט ליגט דערין.

מוהרא"ש האט אים איידעלערהייט געפרעגט צו ער ווייסט פון דעם צו זאגן. דעם שליח'ס ענטפער האט איבערגעלאזט אזא שטארקע רושם אויף מוהרא"ש לאנגע יארן נאכדעם. "גלייב מיר, איך האב עס נישט געטון. איך האב אפגעמאכט ביי מיר צוויי זאכן פון וועלכע איך רוק זיך נישט אוועק. ערשטנס, וועגן א קליינע זאך וועל איך נישט לאזן פארלירן א גרויסע זאך", פרובירט ער צו ערקלערן. "און צווייטנס, מיין טאטע האט מיר געלאזט צוואה, אז אויב שוין גנב'נען, דעמאלטס כאטש נאר אסאך געלט", ענדיגט דער שליח צו.

די מעשה האט טיף בייאנדרוקט מוהרא"ש, די מוסר השכל נאך אסאך מער. די זעלבע איז מיט יעדע מענטש'ס יצר הרע. די יצר הרע וויל אונז מאכן פארלירן א גרויסע זאך וועגן א קליינע זאך. למשל, די מאמע בעט עפעס, קומט גלייך ארויף אין קאפ: ' איך דארף ענדיגן מיין יום תהלים'. אדער ווען מ'דארף דאווענען, 'איך האב נאכנישט געמאכט הפצה היינט'.

מען דארף זיך שטארקן און זיך נישט לאזן פארבלענדט ווערן פון די יצר הרע'ס שפיצלעך. אז מ'וועט אריינטראכטן אביסל, און נישט נאכלאזן, וועט מען האבן א שיינע זיסע לעבן! ס'לוינט זיך!

*געשריבן דורך: פייגי טייטלבוים*



## קאליר לויט די נומער:

1. גרין
2. אראנדש
3. רויט
4. געל
5. פערפל





# Recipe

## French Vanilla Coffee

**Recipe**:

½ gallon milk
½ gallon water
3 tbsp chocolate liquor
3 tbsp vanilla sugar
½ cup coffee
½ cup brown sugar
¾ cup sugar
1 tbsp rum extract

**Directions:**

Boil milk. Dissolve coffee in hot water. Slowly add rest of ingredients. Serve warm with a scoop of ice cream.

**געדענק צו בעטן די**
**אייבערשטער אז ס'זאל**
**אויסקומען זייער גוט!**



# פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'

ס'איז נישטא קיין שענערע מדה ווי הכרת הטוב, א מיידל וואס דאנקט דער אייבערשטער פאר יעדע קליינע גוטס וואס זי באקומט, און זי פארגעסט נישט ווער ס'האט איר געגעבן די גוטס- מאכט זי אזא נחת רוח פאר דער אייבערשטער, אז דער אייבערשטער זאגט 'זי דאנקט מיך פאר די גוטס; זי מיינט דאס איז גוט?! איך וועל איר ווייזן וואס מיינט גוט!' און ער גיסט איר צו מער און מער גוטע זאכן, און די זעלבע איז פארקערט, אויב איינער האלט אין איין זיך אפרעדן, אז דאס טויג נישט, און פארוואס דארף איך האבן אזויפיל פראבלעמען, און פאר יענעם גייט אלעס אזוי גוט? זאגט דער אייבערשטער 'דו מיינסט דאס איז שלעכט?! איך וועל איר ווייזן וואס מיינט שלעכט ר"ל.



וועגן דעם, האלט ווייטער אן צו דאנקען דער אייבערשטער פאר יעדע פרט. דאנק אים פאר די סקול, אז די ביסט געזונט, האסט חבר'טעס, דאנק אים פאר יעדע קליינע זאך, וועסטו אייביג זיין פרייליך, ווייל ווען מ'דאנקט דער אייבערשטער פילט מען ממש א טעם פון גן עדן.

# מיר לערנען זיך פון עצתו אמונה

דער הייליגער בעל שם טוב האט געזען די אינגל שמחה, האט ער געזאגט צו אדל, "די אינגל געפעלט מיר." שפעטער האט אדל פארשטאנען אז דער בעל שם טוב האט געמיינט צו זאגן אז אדל'ס טאכטער פיגא זאל חתונה האבן מיט שמחה. שמחה און פיגא זענען געווען די עלטערן פון די הייליגע רבי.



"דער אינגל געפעלט מיר!"

<u>**פייגי בוים לערנט זיך פון די מעשה:**</u>

א צדיק'ס ווארט איז א ווארט, עס איז נישט דא אזא זאך אז א צדיק זאל עפעס זאגן פאר סתם.

## מעג איך עסן שבת רויטע אייסעס צו מאכן רויט מיין ליפן?

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין זיך מחי' דא אין קעמפ, מיר האבן אזעלכע טייערע חשובע קאונסלערס וואס לערנען אונז אזעלכע גוטע זאכן פאר'ן לעבן, און עס איז אזוי געשמאק דא יעדן איינציגסטן טאג. איך וויל וויסן אויב איך מעג עסן אום שבת א רויטע אייסעס, מיט'ן ציל אז עס זאל מאכן מיינע ליפן אויסזען שטארק רויט.

יישר כח!



## ענטפער פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ב' פרשת מטות-מסעי, כ"ה תמוז, שנת תשפ"א לפרט קטן

... תחי', תלמידה בית פיגא

איך האב ערהאלטן אייער בריוו. איך פריי זיך זייער צו הערן אז איר זענט צופרידן אין קעמפ, איר זענט צופרידן פון די קאונסלערס, איר לערנט זיך שיינע זאכן פאר'ן לעבן.

בנוגע אייער פראגע, אויב מען מעג עסן שבת א רויטע אייסעס זיך צו מאכן רויט די ליפן עס זאל אויסקוקן אזוי ווי מעיקאפ; עס איז א קלארע הלכה (אורח חיים סימן שג, סעיף כה): "אָסוּר לְאִשָּׁה שֶׁתַּעֲבִיר בְּשַׁבָּת סְרָק עַל פָּנֶיהָ מִשּׁוּם צוֹבֵעַ, וּמִטַּעַם זֶה אֲסוּרָה לִכְחוֹל בְּשַׁבָּת, וּמִטַּעַם זֶה אֲסוּרָה לָטוּחַ עַל פָּנֶיהָ בָּצֵק וּכְשֶׁנָּטְלָתוֹ מְאַדִּים הַבָּשָׂר", מען טאר זיך נישט שמירן די פנים שבת, שמירן די פנים איז פון די ל"ט מלאכות וואס איז אסור אום שבת; דעריבער, אויב מען עסט די אייסעס מיט'ן ציל זיך צו פארבן די ליפן - איז דאס א פראבלעם. אויב מען עסט א זאך וואס לאזט איבער א קאליר און מען האט נישט אינזין זיך צו פארבן - איז נישט קיין פראבלעם.



בעטס דעם אייבערשטן איר זאלט נישט דארפן די זאכן, איר זאלט האבן נאטורליכע חן. דער רבי זאגט (ספר המדות אות חן, סימן ו): "כְּשֶׁתַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתֶיךָ, תִּמְצָא חֵן", אז מען געבט נאך, מען זוכט נישט אויסצופירן, מען פארטראגט זיך מיט יעדן איינעם - דעמאלט האט מען חן; נאך זאגט דער רבי (שם, סימן ד): "וְיִשְׁמֹר אֶת פִּיו מִדִּבּוּר אָסוּר", אז מען רעדט נאר גוטע זאכן, מען רעדט נישט קיין ניבול פה, מען רעדט נישט שלעכטס אויף אנדערע - איז מען זוכה צו חן; דעמאלט דארף מען נישט שמירן די ליפן און די אויגן, מען האט חן פונעם אייבערשטן. דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.